בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

ליקוטי

## דברי התעוררות

לרגל יומא דהילולא רבה של מרן רבינו הקדוש זי"ע

**מיוחד לשמיעה עם הרעקארדינג**

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

כ"ו אב שנת תשע"ח לפ"ק

כ"ו אב תשע"ח

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
**מערכת לשון קדשו**
מאנטריאל קאנאדא
1-514-585-3040

## לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערך לשון קדשו של רבינו **לרגל יומא דהילולא**
(דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

א: **הושענא רבה תשכ״ז** ................ דרוקט: **#→11→7→16** (3 מינוט)

ב: **ס״ג וישלח תשי״ז** ................ דרוקט: **#→12→7→16** (18 מינוט)

ג: **הושענא רבה תשי״ד** ................ דרוקט: **#→13→7→16** (29 מינוט)

ד: **ס״ג נצבים וילך תשי״ט** ................ דרוקט: **#→14→7→16** (7 מינוט)

(סך הכל: 57 מינוט)

**הקונטרס נעשה בחפזון, ומיוחד בעיקר לשמוע עם הרעקארדינג להתעורר מקולו של רבינו, ולכן קצרנו בהגהות, אבל השארנו האותיות וסימנים של לשון קדשו, כדי שיוכלו לעיין במקורות.**


## פערזענליכע בקשה!

דאס ארויסגעבן די קונטרסים, און דאס רעגלמעסיג פארשפרייטן טויזנטער קונטרסים, האבן אריינגעצויגן אין גאר גרויסע קאסטן. מיר נויטיגן זיך אין הילף פון רבינ׳ס תלמידים צו קענען אנגיין ווייטער בעבודת הקודש

**ביומא דהילולא טוט א נחת רוח פאר רביה״ק בגנזי מרומים**

**אז אור תורתו זאל שיינען אין אידישע הערצער**

רופט אריין אונזער אויטאמאטישן קרעדיט קארד סיסטעם:

**718.673.2199**

**זייט מנדב $100**

**ובזכות זה, פועל׳ט אַלעס גוטס! בני, חיי, ומזוני רויחא וכל מילי דמיטב!**

מדרשת הושענא רבה תשכ"ז (3 מינוט)

# כח התפלה בדמעות

כ׳האָב דעם זומער געזאָגט פרשת עקב. די גמרא זאָגט (ברכות לב:), **מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפלה**, פון ווען דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן די שערי תפלה, **אלא אף על פי כן שערי דמעות לא ננעלו.**

לכאורה פאַרקערט די גמרא זאָגט, (ברכות ו׳) [לפרש הפסוק] **כֻּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם** (תהלים יב, ט), **דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם,** זאָגט די גמרא **זו תפלה.**

לכאורה אַלדינגס איז דאָך דברים העומדים ברומו של עולם, **יעדע מצוה שטייט ברומו של עולם,** אז מ׳האָט די זכיה עפּעס צו טאָן פאַרן כבוד שמים, אז ס׳איז א נקודה שבלב פאַרן אייבירשטענס וועגן, פאַרוואָס דוקא "תפלה" איז עומדים ברומו של עולם, אורייתא בדחילו ורחימו איז פרחת לעילא.

מוז זיין דער פשט איז אַזוי.

לכאורה [אַז] עס שטייט ננעלו "שערי תפלה" פאַרוואָס דען דאַוונט מען ? !

ס׳איז דאָך לכאורה בחנם, אפילו ער זאָגט "שערי דמעות לא ננעלו", וואָס טוט מען ווען איינער איז נישט דערביי צו לאָזן דמעות. אפילו יא [שמוריד דמעות] אָבער ס׳איז נישט קיין אמת׳דיגע טרערן, ס׳איז נישט מקושר מיטן הארץ [נחסר הכח].

סתם תפלה איז דאָך א "חיוב", יעדע תפלה איז יעדער מחויב מתפלל צו זיין, דריי מאָל אין טאָג איז א חיוב, לויטן רמב"ם איז עס גאָר א חיוב דאורייתא, אין אַן עת צרה זאָגט דער רמב"ן אויך ס׳איז דאורייתא, [ואם כן] אז ס׳איז פאַרשלאָסן די שערי תפלה איז עס בחנם ? !

נאָר וואזשע דען, דער עיקר איז אז מ׳זאָל זען די תפלות זאָלן ׳אַרויפגיין׳, נישט שטיין אויבן, עס קען נישט אַריין גיין ווייל די טויערן זענען פאַרשלאָסן, **אַז מ׳טרעפט אָבער א איד וואָס לאָזט אמת׳דיגע טרערן, עפענט מען אויף די טויערן, אז די טויערן זענען אָפען גייען שוין אַריין די** [אַלע] **תפלות**, דורך ווען די טויערן עפענען זיך, אָבער ווען ס׳איז אָפען איז עס אָפען, דברים העומדים ברומו של עולם, די תפלות שטייען אַלע אויבן און וואַרטן זיי זאָלן קענען אַריינגיין, מ׳זאָל עפענען די טויערן.

לאָמיר נישט שוינען קיין טרערן !

ווער ווייסט דען ווער ס׳לאָזט אמת׳דיגע טרערן ? ! אַלע אינאיינעם זאָל מער אויפמאַכן די טויערן !

לאָמיר נישט שוינען קיין דמעות !

לאָמיר אויפמאַכן די טויערן פון שערי תפלה !

השם יתברך זאָל מקבל זיין אידישע תפלות.

**מס"ג פרשת וישלח תשי"ז** (18 מינוט)

# מיתת צדיקים

## מב
## ביאור הגמרא עתידה תורה שתשתכח מישראל

בעוונינו הרבים אַזוי ווי ס'איז, נעבעך עתידה תורה שתשתכח מישראל, ס'ווערט גאָר אַ שכחת התורה, מ'פאַרגעסט זיך גאָר אינגאַנצן, מ'ווייסט נישט ווי מ'האַלט.

ווי די גמרא זאָגט[א] די חכמים זאָגן, **עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל**. רבי שמעון בן יוחאי זאָגט: **חַס וְשָׁלוֹם שֶׁתִּשְׁתַּכַּח** [שֶׁנֶּאֱמַר כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ], **אֶלָּא שֶׁלֹּא יִמְצְאוּ הֲלָכָה בְּרוּרָה בְּמָקוֹם אֶחָד**.

## מג
קשה גם על רשב"י, דאם לא ימצאו שום שופטים בישראל, אין לך שכחת התורה גדולה מזו

לעולם דאָס אַליין איז דאָך אויך אַ שכחת התורה, און ער זאָגט דאָך כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, וואָס איז אַ נפקא מינה פאַרוואָס, צי פאַרדעם ווייל ס'איז אינגאַנצן אַ שכחת התורה, צי ווייל מ'ווייסט נישט קיין הלכה, וואָס ס'איז נישטאָ קיין הלכה ברורה במקום אחד, דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַזוי [הלא הוא שכחת התורה].

וואָס איבערדעם זאָגט ער, דאָס הייסט יִכְלוּ שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים, ס'איז גאָרנישט דאָ דאָס מין, ס'איז נישטאָ בישראל קיין שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים, אַזוי טייטשט [דאָך] דער מהרש"א די גמרא (סנהדרין צח.) אֵין בֶּן דָּוִד בָּא ביז ס'וועט זיך אויפהערן [כָּל שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים מִיִּשְׂרָאֵל, לכאורה] דאָס אַליין איז דאָך אויך אַ שכחת התורה.

## מד
ויש לומר שהגם שאין שופטים בדור הזה, אבל אם שומעין לדברי השופטים הקודמים אין זה נקרא שכחת התורה

נאָר אָבער איין חילוק איז אָבער [יאָ דאָ], אַז דער פֶּעלֶער איז נאָר ווייל ס'איז נישטאָ קיין שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים, מ'ווייסט נישט וועמען צו פאָלגן [בדור הזה], **אָבער די פריערדיגע דורות קען מען דאָך פאָלגן, פון די פריערדיגע דאַרף מען זיך נישט רירן, על כל פנים איז נאָך געבליבן דאָס וואָס מ'איז מקובל פון די פריערדיגע דורות, פון די פריערדיגע צדיקים, וואָס זיי האָבן געזאָגט**[ב].

---

[א] **בגמרא שבת**: תנו רבנן, כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו, עתידה תורה שתשתכח מישראל וכו'. שנאמר (עמוס ח, יא) וְהִשְׁלַחְתִּי רָעָב בָּאָרֶץ לֹא רָעָב לַלֶּחֶם וְלֹא צָמָא לַמַּיִם כִּי אִם לִשְׁמֹעַ אֵת דִּבְרֵי ה' וגו' יְשׁוֹטְטוּ לְבַקֵּשׁ אֶת דְּבַר ה' וְלֹא יִמְצָאוּ וכו'. תניא, רבי שמעון בן יוחי אומר, חס ושלום שתשתכח תורה מישראל, שנאמר (דברים לא, כא) כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ. אלא מה אני מקיים ישוטטו לבקש את דבר ה' ולא ימצאו - שלא ימצאו הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד. (שבת קלח:)

[ב] בס"ג פרשת בשלח תשט"ו אמר רבינו בלשון קדשו: דער אמת, אין דעם שפלות הדור, אַלעס איז דאָך בהסתר, וואָס ווייסט מען וועלכע זענען צדיקי אמת? אָבער דאָס קאָן מען וויסן די פריערדיגע דורות, די קדושים אשר בארץ המה, די פריערדיגע דורות זענען דאָך זעכער געווען צדיקי אמת, אוי ווי, וויפיל בלוט האָט געטראָפּט פון די פריערדיגע צדיקים וועגן דער כת הידוע, די וואָס זיי האָבן זיך גענומען די ממשלה, אוי ווי, וויפיל צער און וויפיל בלוט האָט מען גענאָגן [=אַרויסגעצויגן] פון די צדיקי אמת, וואָס זיי האָבן זיך מצער געווען אויף דער כת, זיי האָבן געזען וואָס פון דעם קען אַרויסקומען, עכ"ל.

KolSatmar.com

על כל פנים מ׳האַלט מיר [בימינו אלה] ביי דעם, אַז יִכְלוּ שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים מישראל, בעוונינו הרבים, מ׳איז בלינד, מ׳ווייסט נישט וואָס מ׳האָט צו טוהן, אָבער דאָס איז געבליבן [מה שהיה בדורות הקודמים], דאָס וויל ער [רשב״י] באַוואָרענען [שבאופן זה לא יהיה שכחת התורה].

**מט**

ויש לומר שרבנן ורשב״י אינם חולקים. דעל ידי שמקושרים לדורות הראשונים, לא יהי׳ שכחת התורה לגמרי.

איבערדעם מיין איך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פלוגתא, רבי שמעון בן יוחאי איז נאָר מפורש [דברי רבנן]. וועגן דעם פרעגט נישט די גמרא ״ואידך״. ווייל דער פשט איז כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ [כדלהלן, כי] רבי שמעון בן יוחאי זאָגט דאָך אויך אַז ס׳וועט נישט זיין קיין הלכה ברורה [וגם זה שכחת התורה].

**נ**

לכאורה קשה הלשון מפי ״זרעו״ דוקא, רק בא לומר דדוקא באופן זה לא יהיה שכחת התורה

נאָר וואָס דען, אַז מ׳האַלט זיך צו די פריעריגע זאַכן וואָס מ׳האָט געהערט [בזה אין שכחת התורה לגמרי].

איבעראָל ווערן אידן אָנגערופן מפי ״ישראל״, מפי ״יעקב״, מפי ״בני ישראל״, וואָס רופט ער אָן [מִפִּי] ״זַרְעוֹ״?

**נאָר אַז מ׳איז ״קינדער״ פון די פריעריגע, הַתַּלְמִידִים נִקְרָאִים בָּנִים[ג].**

**אַז מ׳האַלט זיך, צו דעם וואָס די פריעריגע האָבן געזאָגט, די פריעריגע גדולי ישראל, די פריעריגע צדיקים, אַז מ׳רירט זיך נישט פון זייער שיטה, אַז מ׳רירט זיך נישט פון זייער שיטה.**

**דעמאָלטס האָט מען נאָך עפּעס תורה הקדושה.**

**נא**

איבערדעם איז רעכט, וועגן דעם איז נישט קיין כליון האומה, ווייל אַז מ׳האַלט זיך אין דעם כאָטש [שאין זוים מדרך צדיקים הקודמים] איז נאָך דאָ אידן [ואין זה כליון האומה], איז נאָך דאָ אַ כח התורה [ואין זה שכחת התורה].

**טאָמער זאָגט מען ״נייעס״, מ׳זאָגט, ״היצט איז אַנדערשט״, מ׳וויל זאָגן ס׳איז אַנדערשט ווי מ׳האָט פריער געזאָגט, היצט האָט זיך אויסגעלאָזט, [וְאָז מתקיים] שלא ימצאו הלכה ברורה, אויף דעם איז רבי שמעון בן יוחאי אויך מודה אַז ס׳איז דאָ אַ שכחת התורה.**

אויף די לעצטע דורות זאָגט ער דאָך אַליין אויכעט, עד שיכלו כל שופטים ושוטרים מישראל, אַזוי ווי דער מהרש״א זאָגט פשט.

ממילא חלילה אַז מ׳רירט זיך פון די פריעריגע איז חלילה אַ שכחת התורה חס ושלום, ווען דאָס זאָל חלילה אמת זיין, איז עס חלילה אַ כִּלָּיוֹן הָאוּמָּה מיט אַ שכחת התורה.

---

ובדברי יואל (ליו״כ אות כ, כל נדרי שנת ת״ש) וז״ל, מי אנכי וכו׳ אמנם הנני רק חוזר ושונה את דברי הראשונים הצדיקים שהיו לפנינו וכו׳, וכמו שאם חכם אחד אומר איזה דיבורים, או חזן אחד שקולו נעים מנגן וכו׳ מי שהוא במקום רחוק, **אם בא לידו על כל פנים ״הפלאַטין״** [=הרעקאָרדינג], **הוה כעין מי ששמע ממנו בעצמו**, וכמו כן גם אני, הנני רק חוזר על דברי הראשונים, המה הצדיקים הקודמים.

[ג] ספרי ואתחנן עה״פ ושננתם לבניך, ועי׳ ויק״ר יא, ז.

KolSatmar.com

איבערדעם איז רעכט כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי "זַרְעוֹ", הייסט מען בחינת זַרְעוֹ, אַז מ'רירט זיך נישט פון די פריערדיגע[ד] דאָס איז עס.

**נב**

בעונותינו הרבים לֹא יְאֻמַּן כִּי יְסֻפָּר, ס'זאָל קענען אַזוינס פאָרקומען, ווער האָט זיך דען געקאָנט רעכטן אויף דעם אין די פריערדיגע דורות, מ'זאָל קאָנען אַזוינס קלערן, ס'איז ווייניג וואָס מ'שמועסט און וואָס מ'רעדט פון דעם.

בעונותינו הרבים אַזאַ ביטערע עבודה זרה וואָס מ'איז אַזוי געכאַפּט, בעונותינו הרבים ווי ווייט דאָס ברענט אין כלל ישראל.

ווער האָט זיך געקאָנט רעכטן אויף אַזעלעכן, מ'זאָל אינגאַנצן פאַרגעסן וואָס די פריערדיגע צדיקים האָבן געזאָגט, וואָס די פריערדיגע גדולי ישראל האָבן געזאָגט, מ'זאָל זיך אַזוי פאַרגעסן בעוונותינו הרבים, ווער האָט דען געקענט קלערן אויף דעם, הֲנִשְׁמַע כָּזֹאת[ה], אַזוי ווי מ'זעט נעבעך בחוש.

איך מוז דאָס זאָגן, עַצֹר בְּמִלִּין מִי יוּכָל[ו], ווער קען זיך דען אַזוי אויפהאַלטן, מ'זעט בעוונינו הרבים בָּרָעָה אֲשֶׁר יִמְצָא אֶת עַמִּי[ז], וואָס האָט אונז באַטראָפן אין דעם לעצטן דור.

איך בין גאָרנישט מסופק, אַז די פריערדיגע דורות העטן דאָס געוועזן צוגעזען, העטן זיי זיך נישט געקאָנט דערהאַלטן אין דעם דור, אין אַזאַ ביטערניש, אַז מ'קאָן דאָס צוקוקן בעוונותינו הרבים ווי די סַכָּנָה איז מְרַחֶפֶת חלילה וחלילה אויפ'ן כלל ישראל.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְרַחֵם עַל עַמּוֹ מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון אַ הַכָּאָה רוּחָנִית און פון הַכָּאָה גַּשְׁמִית, אידישע קינדער זאָלן ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.

ווער זאָל דען קלערן, אַז מ'זאָל נאָך קלערן אפילו, אַז פון כפירה, פון מסיתים ומדיחים, פון דאָרטן זאָל מען געהאָלפן ווערן, ווער קאָן דאָס אַזוינס קלערן?!

ווער ס'קלערט דאָס, דער איז דאָך אַ מין און אַ כופר! ה' ישמרינו מהם ומהמונם!

איך מוז אויסזאָגן דעם אמת, מעג זיין ווער אימער, ווער ס'קלערט איין רגע אַז דורך זיי איז געשען נסים, דער איז לא עלינו אַריינגעפאַלן אין מינות און אין כפירה!

בעוונינו הרבים, ס'איז נישט צום אויסצוהאַלטן אַז מ'הערט דאָס אפילו [מאחרים], מ'זאָל נאָך הערן אַז אידן "שומרי תורה" זאָלן אַזוינס זאָגן?!

[ד] ועיין ביאור המאמר בספר ויואל משה (מאמר א' סימן קס"ג-ח).

[ה] עפ"י לשון הפסוק ישעי' סו, ח. מִי שָׁמַע כָּזֹאת ופירש המצודות מי שמע פלא כזאת.

[ו] מלשון הפסוק איוב ד, ב.

[ז] מלשון הפסוק אסתר ח, ו.

KolSatmar.com

**נד**

**היינט איז מען זיך טועה דאָרטן ווי ס׳איז דער מקור הכפירה, מסיתים ומדיחים, אַוועקצורייסן אידישע נפשות פון דער אמונה.**

**אוי ווייי וויפיל הונדערטער טויזנטער אידן זיי האָבן שוין אויסגע׳שמד׳ט. בעוונינו הרבים דאָס גאַנצע איבערקערעניש וואָס זיי האָבן געמאַכט.**

**איך בין גאָרנישט מסופק, מ׳העט שוין לאַנג געווען געהאַלטן נאָך ביאת המשיח, ווען נישט די רשעים! דורך דעם לייד מיר אונז.**

**און ס׳טרעפט זיך אַלץ נאָך אַ איד זאָל האָבן אויף זיי אַ גוט וואָרט?! און קלערן אפילו לטובה?!**

**נה**

איך מתירים דם של ישראל להריגה על סברת אפיקורסים?

**דער אמת, מ׳זעט, ווי איז פאַרהאַנדן, איז דאָ אַ היתר בעולם, אידן זאָלן מעגן גיין פאַרגיסן אידיש בלוט?**

**אַז מ׳נעמט אידן מ׳שיקט זיי אַרויס להריגה, אויף אַ סברא פון אפיקורסים אַז זיי קלערן זיי וועלן גוט מאַכן.**

**און ווען חלילה יאָ** [שאכן יצליחו], **מעג מען דען טוהן חס וחלילה אָן די תורה?!**

**נז**

בלי ספק שהצבא של הציונים הם כוחות הס״מ

**דאָרט ווי די תורה הקדושה זאָגט** (דברים כג, טו) **[וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר] וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ, איז דאָך בלי ספק אַז דאָס איז נאָר דער סמ״ך מ״ם**[ח]**.**

**ווי קאָן זיך אַ איד פרייען מיט׳ן כח פונעם סמ״ך מ״ם?**

**נח**

**בעונותינו הרבים, איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז ווער ס׳קלערט אין דעם** [אַז פון כפירה, פון מסיתים ומדיחים, פון דאָרטן זאָל מען געהאָלפן ווערן, אַז דורך זיי איז געשען ״ניסים״ (אות נב)] **נישט אַז ער ״זאָגט״, נאָר אַז ער האָט נאָר אַ ״מחשבה״ - זאָל מען וויסן אַז ער איז לא עלינו געכאַפּט געוואָרן אין מינות.**

**איך מוז זאָגן! - וואָס זאָל מען טוהן, אפילו די גאַנצע וועלט זאָל זאָגן פאַרקערט, אונז קאָן מיר נישט אַרויס פון די תורה הקדושה.**

**איך מוז זאָגן, איך וויל מיך נישט אָנגעהערן מיט אַ איד וואָס האָט אַ מחשבה אויף דעם!**

**איך וויל ניטאַמאָל ער זאָל זיך געפונען אין מיין בית המדרש, איינער וואָס קלערט אויף דעם איין רגע!**

---

[ח] **בויואל משה** (ג׳ שבועות, סי׳ קלח) וז״ל, ונודע למשגב כי המה מיוסדים גם על שאר עבירות כולם שהם ביהרג ואל יעבור, ג״ע שפי״ד, וכבר נדפס מגדולי ארץ ישראל על גיוס הבנות שהוא ביהרג ואל יעבור וכו׳ וממלאין את הגיוס שלהם בעריות ר״ל וכו׳, וגיוס כזה הוא גם סכנה עצומה לכלל ישראל כאשר העיד הכתוב כי יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ, ומצד הקדושה אי אפשר לנצח אם מסולקת שכינתו ית׳ משם, זולת ע״י הסט״א שניתן לה כח עצום כדי לפתות בני אדם ולהביאם לידי נסיון, ואין נצחון זה אלא זמני.

KolSatmar.com

בעוונינו הרבים דאָס איז דער מקור המינות, מעג אפילו ווייס איך וואָס זיין, מוז איך מוסר מודעה זיין, אַז אפילו זיי וועלן כובש זיין די גאַנצע וועלט, טאָר מען נישט נהנה זיין!

מ׳זאָל וויסן דאָס איז אַ צרה גדולה, סיידן [=חוץ] אַז מ׳איז אַ כופר בתורה. דאָרט ווי די הייליגע תורה זאָגט [אם עוברים על השבועות] חלילה, אֲנִי מַתִּיר אֶת בְּשַׂרְכֶם[ט], און אַזויפיל אידן זענען נהרג דורך זיי, ווי קאָן מען אַזוי פאַרפירט זיין?!

בעונינו הרבים, די מינים ואפיקורסים פאַרפירן יעדן, און פאַרדרייען יעדן.

וויסן זאָל מען, מ׳זאָל זיך נישט נאַרן, מ׳וועט אַמאָל קומען אויפ׳ן אמת. **אוי וויי, נאָר באַצייטנס לאָמיר זיך באַרעכענען, מ׳זאָל זיך נישט שעמען.**

אוי מ׳זאָלמיר מְעוֹרֵר רַחֲמִים זיין, מ׳זאָל רחמנות האָבן אויף אידיש בלוט, ס׳איז אַ גרויסע ביטערע סכנה סיי בארץ און סיי בחוץ לארץ, אַלעס איבער די רשעים איבער די כופרים.

און אידן האַלטן זיי צו [שֶׁמְּחַזְּקִים אותם].

אוי וויי! ס׳איז נאָך דאָ אידישע אידן וואָס האַלטן זיי נאָך צו. וואָס אַ גרויסער קטרוג איז דאָס אויבן.

השם יתברך ירחם על עמו מ׳זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון וואָס אימער.

### נט

היעב״ץ מאריך, שלא להתפעל מנסים שנעשו ע״י מינים ואפיקורסים ושלא יחלש עי״ז האמונה

מ׳זאָל געדענקען וואָס **רבי יעקב עמדין** האָט געזאָגט ברוב חכמתו אין מגדל עוז (עליית היראה גנזך כג), - מ׳דאַרף נישט איבערצו׳חזר׳ן, ס׳האָט עס יעדערער געזען[י] - ס׳איז כנגד השכל מ׳זאָל זיך אין דעם טועה זיין.

### ס

## מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כְתוּבָה בַּתּוֹרָה, זו מיתת צדיקים

די גמרא זאָגט: [על הפסוק] (דברים כח, נט): **״וְהִפְלָא״ ה׳ אֶת מַכֹּתְךָ מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כְתוּבָה בַּתּוֹרָה, זו מיתת צדיקים.**

פון וואַנעט ווייס איך וואָס הייסט מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כְתוּבָה בַּתּוֹרָה, וועלעכעס איז עס? - ווייל ס׳שטייט (בישעי׳ כט, יד) [הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת הָעָם הַזֶּה ״הַפְלֵא וָפֶלֶא״] **וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבֹנָיו תִּסְתַּתָּר״[א], זה מיתת צדיקים.**

---

[ט] בגמרא (כתובות קיא.) אמר רבי יוסי בר חנינא, שלש שבועות הללו למה? אחת, שלא יעלו ישראל בחומה; ואחת, שהשביע הקב״ה את ישראל שלא ימרדו באומות העולם, ואחת, שהשביע הקב״ה את העובדי כוכבים שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי וכו׳. בִּצְבָאוֹת אוֹ בְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה, אמר רבי אלעזר, אמר להם הקב״ה לישראל, אם אתם מקיימין את השבועה מוטב, ואם לאו אֲנִי מַתִּיר אֶת בְּשַׂרְכֶם כִּצְבָאוֹת אוֹ כְּאַיְלוֹת הַשָּׂדֶה.

[י] באותו זמן צוה רבינו לפרסם בבית המדרש העתק מדברי היעב״ץ, והיה ברצונו שכל אחד ילמוד אותו. וכן נעתק כל הפרק בסוף קונטרס **על הגאולה ועל התמורה**, כי רבינו ראה בדברי היעב״ץ יסוד גדול. ובהקדמתו (עמוד כב), כתב רבינו בכתי״ק בזה הלשון, ״והקדוש היעב״ץ זלה״ה כתב שהוא מפחד שתבוא עוד כת אחרת, והזהיר טובא שלא לירא אף ממופתים כהעמדת החמה של יהושע בן נון, ולא לירא ממה שפקיע שמיה אף אם אין איש מתחזק עמך לא תפחד לנטות מהאמת, והאריך טובא בזה. ואמרתי להעתיק לשונו בסוף הקונטרס, כי הבין בזה בחכמתו הגדולה למה שאירע בדורינו בעוה״ר״, עכל״ק.

KolSatmar.com

קושיא א׳: למה נקרא "לא כתובה בתורה", הלא נלמד מהפסוק?

לכאורה פאַרוואָס איז עס אַ מַכָּה אֲשֶׁר לֹא כְתוּבָה בַּתּוֹרָה, אַז ס׳איז געדרינגען פונעם פסוק, איז דאָך עס ווייטער אַ לימוד [וגם זה נקרא כְּתוּבָה בַּתּוֹרָה].

קושיא ב: מהיכי תיתי שאיבוד החכמה זהו מיתת צדיקים?

און דערנאָכדעם לכאורה, ס׳איז דאָך עס נישט די דיבורים, וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו איז טייטש אַז די ׳חכמה׳ איז פאַרלוירן געוואָרן, איז נאָכנישט קיין ראיה [למיתת צדיקים].

הלא מצינו שצדיקים גם בחייהם נסתם חכמתם

ס׳איז פאַרהאַנדן אַמאָל ביי צדיקים אַליין [בחייהם] ס׳ווערן נסתמו ממנו מעיינות החכמה, ווי משה רבינו האָט געזאָגט לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא[יב], איז נאָכנישט טייטש "מיתת צדיקים" [כי מעיינות החכמה נסתמו, והצדיק עדיין חי].

ומאידך גיסא מצינו צדיקים, שגם אחר פטירתם לא נאבד חכמתם

און מיתת צדיקים איז נאָכנישט קיין ראיה [שגם] אָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו, [ואפשר] ס׳איז געבליבן די חכמה ביי די אַנדערע.

ווי די גמרא זאָגט[יג] כשמת רבא נולד רב אשי, [שנאמר] וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ עד שלא שקעה שמשו וכו׳. [נמצא שיש מיתת צדיקים שחכמה אינו נאבד].

[ואם כן] לכאורה איז דאָך דאָס אַן אַנדער וואָרט, אָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו מיט מיתת צדיקים, דאָס איז צוויי זאַכן [ומהיכן למדו שזה מיתת צדיקים].

## סא

כשאומרים דברי הצדיקים אחר פטירתם שפתותם דובבות בקבר

**נאָר איך מיין אָבער דער פשט איז אַזוי. דער כלל איז[יד] אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים, [ת״ח שאומרים דבר שמועה מפיו] שִׂפְתוֹתָיו דוֹבְבוֹת בְּקֶבֶר.**

**אַז מ׳זאָגט נאָך מימרות פון צדיקים פריערדיגע, פון גדולי ישראל, זענען זיי נישט נסתלק געוואָרן. [וזש״ה] אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים זיי וואוינען כסדר** [בעולם הזה].

---

[יא] פרש״י בישעי׳ שם. קשה סילוקם של חכמי ישראל כפלים כחורבן ביהמ״ק וכל קללות שבמשנה תורה, שכולן אינן אלא הפלאה אחת וְהִפְלָא ה׳ אֶת מַכֹּתְךָ וכאן שתי הפלאות (הַפְלֵא וָפֶלֶא), ע״כ.

[יב] ופרש״י, בדברי תורה, מלמד שנסתמו ממנו מעיינות החכמה.

[יג] בקידושין (עב.) כי הוה ניחא נפשיה דרבי, אמר וכו׳ בבבל, אדא בר אהבה יש בה, היום יושב בחיקו של אברהם (ופירש״י ונראה שנכנס לברית מילה), היום נולד רב יהודה בבבל. דאמר מר, כשמת רבי עקיבא נולד רבי, כשמת רבי נולד רב יהודה, כשמת רב יהודה נולד רבא, כשמת רבא נולד רב אשי, ללמדך, שאין צדיק נפטר מן העולם עד שנברא צדיק כמותו, שנאמר (קהלת א, ה) וְזָרַח הַשֶּׁמֶשׁ וּבָא הַשָּׁמֶשׁ, עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל הרמתי, שנאמר (שמו״א ג, ג) וְנֵר אֱלֹקִים טֶרֶם יִכְבֶּה וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל ה׳.

[יד] ביבמות (צו:) על הפסוק (תהלים סא, ה) אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים, וכי אפשר לו לאדם לגור בשני עולמים? אלא אמר דוד לפני הקב״ה, רבונו של עולם, יהי רצון שיאמרו דבר שמועה מפי בעולם הזה, דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי, כל תלמיד חכם שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה, שפתותיו דובבות בקבר.

KolSatmar.com

המניח "בן" כאילו לא מת, תלמידים נקראים "בנים", נמצא דצדיקים אינם מתים ע"י התלמידים

[וכן מצינו] **כל המניח "בן" ממלא מקומו כאילו לא מת** (ב"ב קטז.).

[ובמדרש] **התלמידים נקראין "בנים".**

[וממילא] **אַז מ'זאָגט נאָך דיבורים** [ונקראים תלמידים] **זענען זיי נישט נסתלק געוואָרן.**

סב

**דער רעיון איז מבואר אין די גמרא.** [דכשנפסק דברי תורה של הצדיק נקרא "מת"].

הקדמה: כשחבורה הסיבו לאכול במקום אחד, מחויבים בזימון ואחד מוציא את כולם בברכת המזון, ותלמידי רב כשחזרו מהלויה של רב, אמרו אחד לחבירו שילכו לאכול אצל נהר ששמו "דנק", אבל היו מסופקים אם זאת נקרא "הסיבה" ואחד יכול להוציא את כולם, או שכל אחד צריך לברך לעצמו.

**די גמרא זאָגט אין כיצד מברכין** (ברכות מב:), **תלמידי' דרב כי נח נפשיה דרב, נאָך רב'ס הסתלקות זענען זיי זיך אַמאָל צוזאַמגעקומען, האָבן זיי געהאַט אַ שאלה צי ס'איז קובע** [לזימון כשאומרים] **נִיקוּם וְנוֹתִיב בְּדוּכְתָּא פְּלָן וְכוּ', זיי האָבן געהאַט אַ שאלה. לָא הֲוָה בְּיְדַייהוּ, זיי האָבן נישט געקענט פושט זיין.**

**קָם רַב אַדָּא בַּר אַהֲבָה אֲהַדַר קָרְעֵיהּ לַאֲחוֹרֵיהּ, וְקָרַע קְרִיעָה אַחֲרִינָא**[טו] [אָמַר נָח נַפְשֵׁיהּ דְּרַב]. **ער האָט זיך** [שוין] **געהאַט קורע געווען נאָך רב'ס פטירה, האָט ער איבער געדרייט** [הבגד] **ער זאָל זיך קענען נאָכאַמאָל קורע זיין, ער האָט געזאָגט "השתא מת רב".**

**ווי רש"י זאָגט, ס'איז ביי אים דעמאָלטס געווען דער יום המיתה. ס'איז געווען נח נפשיה דרב,** [שצריכין להוראה] **ואין יודעין.**

**אז מ'ווייסט נישט קיין הלכה מ'ווייסט נישט וויאַזוי זיך צו פירן דעמאָלטס ווערט מען נסתלק, דעמאָלטס ווערן די צדיקים נסתלק.**

**דאָס זאָגט די גמרא, דאָס איז דער פשט, אַז וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו ס'איז פאַרלוירן געוואָרן** [החכמה שלהם], **אַלעס וואָס צדיקים האָבן געזאָגט איז גאָרנישט,** [זהו מיתת צדיקים, והיינו אבדת החכמה]. (ומיושב קושיא ב' באות ס).

סג

**טאַקע אַזוי ווי בעוונינו הרבים מ'זאָגט היינט, אַז ס'האָבן זיך אַלע צדיקים טועה געווען חלילה, און חלילה אומגעברענגט די וועלט.**

**און דער אמת איז, ווער ס'האָט אויגן אין קאָפּ זעט דאָך, ווי הייליג איז געווען וואָס זיי האָבן געזאָגט.**

**דאָס איז די כַּת** [הציונים] **וואָס "זיי" האָבן אומגעברענגט די וועלט ברוחניות ובגשמיות, ס'איז נישט דאָ די צייט צו שמועסן פונעם פּאָליטישן** [חלק], **נאָר טאַקע פשוט מיט'ן שכל הטבעי איז עס אַ סכנה.**

**און דער היצטיגער שריט** [סיני אַקציע] **איז אַ געוואַלדיגע סכנה, הַצֵּל לֹא הִצַּלְתָּ**[טז] **נאָר חלילה אויסגע'הרג'ט.**

---

[טו] פירש"י, קרע שקרע בהספד רבו החזיר החלוק לאחוריו, ומה שלאחור לפנים, כדי לקרוע קרע אחר, להראות אֵבֶל עכשיו כיום המיתה, על שהיו צריכים להוראה ואין יודעים להורות.

[טז] מליצת הלשון עפ"י שמות ה, י. וכמו שנתברר אחר כך, שלא יצא מזה טובה לישראל, רק אדרבא נהרגו כמה נפשות מישראל, והרבה ניזוקו וסבלו מזה כל חייהם, וגם גרמו צער גדול להיהודים במדינת

KolSatmar.com

מ׳זעט צו ווי מענטשן פרייען זיך, און ס׳טוט גאָר קיינעם נישט וויי דאָס האַרץ אַז מ׳האָט געַנומען אַזויפיל אידן געשטעלט צום פראָנט. וויפיל יראים ושלמים?

**וויפיל אַלְמָנוֹת וִיתוֹמִים זענען געבליבן?**

ס׳טוט גאָרנישט וויי דאָס האַרץ! מ׳טרייסט זיך אַז מ׳זאָגט: ״ס׳איז אַ זיג! אַז ס׳האָט געזיגט דאָס מלכות המינות!״

אויף דעם זאָגט דער פסוק [מלאכי ג, טו, שאומרים בָּחֲנוּ אֱלֹקִים] זיי האָבן אויספּרובירט דעם באַשעפער, וַיִּמָּלֵטוּ! און זיי זענען ניצול געוואָרן.

די תורה הקדושה זאָגט דו טאָרסט נישט!

די תורה הקדושה זאָגט ס׳טאָר נישט עקזעסטירן, מ׳טאָר זיך נישט נעמען [אַ מלכות] **פאַר די צייט!**

[וחוץ מזה] **מינים ואפיקורסים טאָרן נישט זיין קיין מוֹשְׁלֵי יִשְׂרָאֵל!**

און יעדער שריט [שעושים בזה] איז אין דעם איסור.

און מ׳זאָגט גאָר, מ׳וויל גאָר זאָגן, אַז זיי האָבן מְנַצֵּחַ געוועזן?! בָּחֲנוּ את אֱלֹקִים! זיי האָבן אויספּרובירט דעם באַשעפער, וַיִּמָּלֵטוּ?!

דאָס זאָגן אידן?! אוי וויי, אידן קענען דאָס זאָגן?!

אוי וויי, ס׳איז נישט צום אויסצוהאַלטן! אַז אידן וואָס טראָגן נאָך תפילין אויפ׳ן קאָפּ, זאָלן קענען זאָגן אַזאַ אויסדרוק [אַז ס׳האָט געזיגט דאָס מלכות המינות!] אוי וויי! און [על זאת יכולין לומר] דאָס איז מן השמים?

איז דען מסופק צו זיין, אַז אַלעס וואָס איז אַ ניאוץ השם קעגן דער תורה דאָס איז נאָר דער סמ״ך מ״ם, ווי קאָן זיך אַ איד פרייען מיט׳ן סמ״ך מ״ם? אוי וויי.

וואָס דאָס קאָן ברענגען ווייטער ווייסט השם יתברך, מ׳דאַרף מיר גרויס רחמים.

### סד

בזכות אלו שאינם מסכימים עם רשעים משתיק החרון אף

**דורכדעם אַביסעלע** [אידן] **וואָס האָבן כאָטשיג נישט מיטגעהאַלטן, מ׳האָט נישט מסכים געווען, דאָס שטילט דעם קטרוג!**

אַז מ׳זעט, ס׳איז כאָטש דאָ אידן וואָס זיי זאָגן נישט [בָּחֲנוּ אֱלֹקִים וַיִּמָּלֵטוּ], ס׳איז נישט עַם אֶחָד הֵןּ[יז].

### סה

במנות הלוי: המחפה ומלמד זכות על עוברי עבירה נענש כמותם

**ווי ער זאָגט דער מנות הלוי - פונעם מהר״ש אלקבץ, דער מנות הלוי זאָגט אין דער מגילה**[יח] [על מה שאמר המן] **עַם אֶחָד הֵן.**

---

מצרים, שנטלו כל רכושם ויגרשו אותם ממושבותם. ולבסוף גם הכריחו אותם להחזיר את כל השטחים שכבשו.

[יז] במגילה (יג:) יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד. אמר רבא ליכא דידע לישנא בישא כהמן וכו׳ אמר ליה [אחשורוש] מסתפינא מאלקיו וכו׳ א״ל [המן] יָשְׁנוּ מִן הַמִּצְוֹת, א״ל [אחשורוש] אית בהו רבנן, [אמר המן] **עַם אֶחָד הֵן.**

KolSatmar.com

זאָגט ער, אַז [באופן] מ׳איז נישט מקיים (ויקרא יט, יז) הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ האָט מען נאָר עובר געווען די עשה פון הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ, אָבער מ׳איז נישט אינגאַנצן אַזוי ווי יענער, [והעונש מקבלים מפני] מ׳האָט נאָר עובר געווען אַן עשה.

טאָמער איז מען אָבער ״מלמד זכות״ אויף אים, דעמאָלטס האָט מען ״דעם זעלבן דין וואָס ער״.

דעס זאָגט ער [המן הרשע לאחשורוש] עַם אֶחָד הֵם, אין לך משפחה שיש בה מוכס שאין כולה מוכסין שכולם מחפין עליו (שבועות לט.), אַז מ׳איז מְחַפֶּה איז מען דער זעלבער, [והעונש יהי׳ על כולם. עכת״ד המנות הלוי].

**נו אַז מ׳איז מְלַמֵּד זְכוּת אויף די כופרים - פאַרפאַלן וואָס זאָל מען טוהן, ס׳איז נֶחְתָּם בַּסֵּפֶר - האָט מען דעם זעלבן דין.**

**וואָס קאָן איך מיר העלפן, די תורה הקדושה זאָגט אַזוי, דאָס איז נעבעך דער אֲבַדּוֹן הָעוֹלָם.**

**מ׳קאָן דאָס נישט אַריבערטראָגן, אַז מ׳בלייבט איינער אַליין טאָר מען אויך נישט שווייגן!**

בעוונותינו הרבים, ס׳איז דריי לאווין אין די תורה (דברים יג, ט) אַז אויף מסיתים ומדיחים [לֹא תָחוֹס עֵינְךָ עָלָיו,] לֹא תַחְמֹל, וְלֹא תְכַסֶּה עָלָיו, פאַרפאַלן.

**עב**

## המשך ביאור ענין מיתת צדיקים

לאָמיר צוריק קומען צום פריערדיגן, וואָס כ׳האָב געזאָגט פריער [באות ס-סב], וואָס דער פשט איז וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו זו מיתת צדיקים?

דאָס איז דער פשט אין די גמרא, מכה אשר לא כתובה בתורה, אַז ס׳איז אָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו, מ׳פאַרלירט דאָס פריערדיגע, אַז די פריערדיגע חכמה ווערט נסתלק, אַז מ׳האָט נייע הִתְחַכְּמוּת, ווערן די פריערדיגע צדיקים נסתלק געוואָרן, זו מיתת צדיקים.

אַזוי ווי די גמרא זאָגט (לעיל אות סב), זיי האָבן געזעצן זיי ווייסן נישט קיין דין, האָט ער געזאָגט היצט איז רב נסתלק געוואָרן, כאָטש פריער ווען ער איז נסתלק געוואָרן האָט ער זיך איינמאָל קורע געווען, האָט ער זיך נאָכאַמאָל קורע געווען. היצט איז געווען דאָס הסתלקות.

[דעד עכשיו לא היה ההסתלקות] וועגן אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים [ששפתותיו דובבות בקבר].

---

[יח] וזה לשון מנות הלוי (אסתר ג, ח) ופקח עיניך וראה כי <u>על הבלתי מוחים</u> אמר (ויקרא כו, לז) וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו <u>והוא מכשול לבד</u> על שאינם מוחים וגם אינם מחפים, <u>ועל המחפים אמר</u> (שם כ, ה) וְשַׂמְתִּי אֲנִי אֶת פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וּבְמִשְׁפַּחְתּוֹ, <u>כי הם כעוברי העבירה</u>, אחר שלא די שלא מיחו אלא שחיפו, וזהו עַם אֶחָד הֵן. ע״כ. (ועיין ויואל משה מאמר שלש שבועות סימן קמ. ובישוב ארץ ישראל סימן קלו).

KolSatmar.com

עג

יישוב הקושיא [אות ס] דמיתת צדיקים ואבידת החכמה יכול להיות זה בלא זה

איבערדעם איז דאָס איין זאַך, מ׳מיינט נישט מיתת צדיקים [כפשוטו]. נאָר אַז ס׳איז וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו [ולא לומדים תורתם], זענען די אַלע צדיקים נסתלק געוואָרן.

בעוונינו הרבים אין אונזער דור איז נסתלק געוואָרן די תנאים ואמוראים, אַלע קדמונים.

דער **בעל שם טוב הקדוש** און אַלע **הייליגע תלמידים** זענען נסתלק געוואָרן אין ״דעם״ דור. קיינער גייט נישט דעם דרך!

מ׳האָט שוין פאַרגעסן אינגאַנצן דעם דרך **הבעל שם טוב**[יט], מ׳ווייסט ניטאַמאָל שוין וואָס דער דרך הבעל שם טוב איז געווען, **לֹא יִזָּכֵר וְלֹא יִפָּקֵד**.

מ׳דרייט אויס אַלסדינג אויף אַ דרך שקר, בעוונינו הרבים ווי גרויס [איז] דער כח פונעם שטן.

איבערדעם דאָס איז טייטש זו מיתת צדיקים.

קא

## סיום התורה

השם יתברך זאָל העלפן:

מ׳זאָלמיר זוכה זיין מקבל צו זיין ברכתו של יעקב זיינע תפלות ותחנונים.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו גיין בדרך האמת.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין מ׳זאָלמיר קאָנען מְקַשֵּׁט זיין די מעשים.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו פאַררעכטן וואָס מ׳האָט פוגם געווען, בעוד מועד, ווי לאַנג ס׳איז נאָך צייט זאָל מיר קענען מתקן זיין.

[מ׳זאָלמיר זוכה זיין] זיך אָנכאַפּן אין דרך האמת, מ׳זאָל זיך נישט רירן פון דער אמונה שלימה בהשם יתברך ובתורתו הקדושה.

דער בורא כל עולמים וועט העלפן, מ׳וועט דאָך ניצול ווערן, אַז מ׳וועט וועלן דעם אמת, זיך האַלטן באמת אין דער אמונה.

מ׳זאָלמיר זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט.

מ׳זאָל וויסן אַז נאָר מיט׳ן כח פון דער אמונה [וועט מען ניצול ווערן]. השם יתברך זאָל אונז מציל זיין מכל צרה וצוקה.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין לרחמיו וחסדיו המרובים. דער בורא כל עולמים זאָל רחמנות האָבן אויף אידישע נפשות און אויף אידישע גופים.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו, בנחת ובשמחה בקדושה ובטהרה.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען אַלע אינאיינעם בישועת כל ישראל ושמחתן ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

---

[יט] עיין עוד בספר ויואל משה (שלש שבועות סימן קעז). בס״ג וישלח תש״כ.

KolSatmar.com

### מדרשת הושענא רבה תשי"ד (29 מינוט)

# דברי התעוררות

ז

## כמה גדול צער השכינה

מ׳זאָל אַריינקוקן אין **של"ה הקדוש** (ביי די מעשה פון שבועות[כ]), ווי דער מגיד האָט גערעדט צום **בית יוסף**, ער האָט געזאָגט פאַר די אַלע מסובים אַז **ווען מ׳העט געוואוסט דעם גרויסן צער פון די שכינה הקדושה, העט מען עס נישט אויסגעהאַלטן**, ס׳העט נישט עָרֵב געווען אָכוֹל וְשָׁתוֹ[כא] אַז מ׳העט געוואוסט דעם גרויסן צער.

דאָס איז געווען דעמאָלטס [בימי הבית יוסף], דעמאָלטס איז געווען אַ דור וואָס אידן זענען געווען ברום המעלה, ס׳איז געווען אַזויפיל צדיקים און אַזויפיל קדושים, אַזויפיל עובדי ה׳ באמת, אַזויפיל תורה און אידישקייט אין אַלע ווינקלעך [ואעפי"כ כמה היה גדול צער השכינה].

וואָס זאָל מען נאָך זאָגן היינט, אין אַזאַ זְמַן הַשָּׁפָל, מ׳זעמיר עָרוֹם וְיָחֵף, מ׳האָמיר נישט קיין תורה און קיין אידישקייט, וואו זאָל מען זיך קערן, וואו זאָל מען זיך ווענדן אוי וויי! וואָס מ׳ברויך סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

[וכבר אמרו חז"ל (במשנה סוף סוטה) דבעקיבא דמשיחא] **אֵין לָנוּ עַל מִי לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם**, דאָס איינע פאַרמאָג מיר, לאָמיר דאָס נישט פאַרפאַסן.

איבערדעם איז דאָס טאַקע [שצועקים לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ, שבאנו לטובת המלך], **דאָס איז דער צער פון די שכינה הקדושה.**

ח

## בדברי יחזקאל: אנו מתפללים בכח שאין לנו שום זכותים

[ומה שאנו נמצאים בגודל השפלות, מחמת זה עצמו אנו מתפללים להשי"ת הוֹשַׁעְנָא, אַזוי ווי עס] שטייט אין **דברי יחזקאל**[כב] טייטשט ער, [הוֹשַׁעְנָא] **דַּלֹּתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ**, מיט

[כ] **בשל"ה** (מסכת שבועות פרק נר מצוה, ז) כתב בזה"ל, אכתוב לכם מעשה שאירע קרוב לזמנינו, והועתק מכתב המקובל הר"ר שלמה הלוי אלקביץ, שהיה מתחבר בבית של רבינו **בית יוסף**, והופיע עליו רוח הקודש. וזה נוסח הכתב: דעו לכם, כי הסכמנו החסיד נר"ו ואני עבדו, ועבדיכם מהחברים, לעמוד על נפשינו ליל שבועות ולנדד שינה מעינינו וכו׳ ובעת שהתחלנו ללמוד המשנה, ולמדנו שתי מסכתות, זיכנו בוראנו ונשמע את קול המדבר וכו׳ והדיבור ההוא מדבר עמנו, והתחיל ואמר, שמעו ידידי המהדרים מן המהדרים, ידידי אהובי. שלום לכם, אשריכם ואשרי יולדתכם, אשריכם בעולם הזה, אשריכם בעולם הבא, אשר שמתם על נפשכם לעטרני בלילה הזה, אשר זה כמה שנים נפלה עטרת ראשי ואין מנחם לי, ואני מושלכת בעפר חובקת אשפתות, ועתה החזרתם עטרה ליושנה וכו׳. לכן בניי התחזקו ואמצו ועלצו באהבתי בתורתי ביראתי, **ואילו הייתם משערים אחד מאלף אלפי אלפים ורוב רבי רבבות מהצער אשר אני שרויה בו, לא היתה נכנסת שמחה בלבכם, ולא שחוק בפיכם, בזוכרכם כי בסיבתכם אני מושלכת בעפר** וכו׳ את כל הדברים האלה דבר אלינו, ושמעה אזנינו, ורבות כהנה וכהנה מענייני החכמה, כמה וכמה הבטחות גדולות, וכולנו געינו בבכיה מרוב השמחה, וגם בשמענו צרת השכינה בעונותינו, וקולה כחולה המתחננת אלינו.

[כא] עפ"י ישעי׳ כב, יג.

[כב] **בדברי יחזקאל** (להושענא רבה) **הוֹשַׁעְנָא דַּלֹּתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ**. איתא במדרש (וישלח עה, א) **חמשה פעמים** דוד מקים להקב"ה בספר תהלים קוּמָה ה׳ וכו׳ אמר לו הקב"ה, דוד בני, אפילו את מקימני כמה פעמים איני קָם, ואימתי אני קָם לכשתראה עניים נשדדים ואביונים נאנקים, ע"כ המדרש. ואמר בבכיה רבה ובצעקה, רבונו של עולם אין לנו שם זכות לבקשך כי נשארנו ריקם, רק זאת שדַּלּוֹנוּ מְאוֹד, ולכן הוֹשַׁעְנָא.

KolSatmar.com

וואָס קאָן מען קומען, מיט זכותים?!, בעונינו הרבים הֵי תּוֹרָה וְהֵי מִצְוֹת דְּמַגְּנֵי עֲלָן[כג], [נאָר] מיט וואָס דען קען מיר קומען און בעטן דעם באַשעפער, טאַקע [בזכות שאנו עומדים] כְּעָנִי הָעוֹמֵד בַּפֶּתַח [והשי״ת מושיע לדלים ואביונים, ולכן מתפללים הוֹשַׁעְנָא] דַּלּוֹתִי מ׳זעמיר זייער אָרעם [ובזכות זה] וְלִי יְהוֹשִׁיעַ, דאָס קאָן מען מתפלל זיין.

דאָס קאָן מען זאָגן היינט מער ווי בדורות הראשונים, ווי איז דען נאָך אַמאָל געווען אַזאַ עניות און אַזאַ שפלות?!, עניות מן התורה ומן המצות.

לוּלֵי ה׳ הוֹתִיר לָנוּ [שָׂרִיד] (ישעי׳ א, ט), ווען נישט די גרויסע נסים פון הקדוש ברוך הוא, העט געווען שוין נישט געווען אַ איד וואָס זאָל נאָך וויסן אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער.

דאָס אַליין איז דאָך גרויסע נסים אין דעם שפלות, דאָס ביסעלע אידן וואָס מ׳דערמאַנט זיך נאָך אַמאָל אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער און ס׳איז דאָ אַ תורה הקדושה.

בעונינו הרבים ס׳גייט נידריגער און נידריגער, ווי האָט מען דען פריער געזען אַמאָל אַזאַ ביטערן זמן, חלילה וחלילה ווען האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט דער כח. [ובכן מחמת גודל השפלות אנו מתפללים דַּלּוֹתִי וְלִי יְהוֹשִׁיעַ, שהשי״ת ירחם עלינו מחמת דלותינו].

## י׳
## להתפלל שנוכל להחזיק באמונה בהשי״ת

שטייט אין מגילת איכה (ג, כג) חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ. לכאורה וואָס איז דער רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ?

רש״י טייטשט, [גדולה היא הבטחתך] **ודבר גדול הוא שאנו מאמינים בך**, דאָס איז אַ דבר גדול דאָס וואָס מ׳גלייב מיר אין דיר, [שתקיים ותשמור מה שהבטחת לנו] אַז דו וועסט מקיים זיין דיין הבטחה.

זעט אויס אַז די ״אמונה״ רופט ער אָן ״רַבָּה״ [שהאמונה הוא דבר גדול]. ס׳איז דאָ אַנדערע פשטים אויכעט, רש״י זאָגט ס׳איז אַ דבר גדול להאמין בך.

### יא
### בחינה א: האמונה נקרא רַבָּה, כיון שנותן ״חיות״ לישראל

קען זיין אַ בחינה [שהאמונה נקרא ״רַבָּה״, ווייל] אַז דאָס איז דאָס גאַנצע חיות.

אַזוי ווי ס׳שטייט אין זוהר הקדוש[כד] אַז ווען אידן זענען אין גלות אין די גרויסע צרות און מ׳האָט זיך נישט מיט וואָס מחזק צו זיין, מ׳העט עס נישט אויסגעהאַלטן, נאָר אַז מ׳קוקט אַריין אין די תורה הקדושה די נחמות, וואָס מ׳זעט אַז אידן וועלן געהאָלפן ווערן, דאָס גיט חיות דאָס גיט אַ שטיקל חיזוק, מוז מען האָבן די גרויסע אמונה.

---

[כג] **לשון הגמרא** (ברכות לא.)

[כד] **בזוה״ק** (כי תשא קפח:). זַמִּין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְמֶעְבַּד לְיִשְׂרָאֵל כָּל אִינּוּן טַבְאָן דְּקָאָמַר עַל יְדֵי נְבִיאֵי קְשׁוֹט, וְיִשְׂרָאֵל סָבְלוּ עֲלֵיהוֹן, כַּמָּה בִּישִׁין בְּגָלְוּתְהוֹן. וְאִלְמָלֵא כָּל אִינּוּן טַבְאָן דְּקָא מְחַכָּאן וְחָמְאָן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, לָא הֲווֹ יָכְלִין לְמֵיקַם וּלְמִסְבַּל גָּלוּתָא. אֲבָל אָזְלִין לְבֵי מִדְרָשׁוֹת, פָּתְחִין סִפְרִין, וְחָמְאָן כָּל אִינּוּן טַבְאָן, דְּקָא מְחַכָּן, וְחָמְאָן כְּתִיבִין בְּאוֹרַיְיתָא, דְּאַבְטַח לוֹן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֲלַיְיהוּ, וּמִתְנַחֲמִין בְּגָלְוּתְהוֹן.

KolSatmar.com

איבערדעם זאָגט ער רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ, [אַז] דאָס איז אַ דבר גדול, ווייל [חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים] ס׳גיט חיות.

יב

בחינה ב: האמונה נקרא רַבָּה, דבגודל הנסיונות הוא דבר גדול, שעדיין מחזיקים באֱמוּנָתֶךָ

אָבער ס׳איז דאָ נאָך [אַ בחינה], אַנדערע מפרשים[כה] איז אויך דאָ, אַז רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ, ס׳איז אַ גרויסע זאַך אַז מ׳זאָל זיך דערהאַלטן ביי דער אמונה.

[וזה פירוש הפסוק] מ׳קוקט דאָס גרויסע שפלות [שמתחדשים הנסיונות] **חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים**, ס׳איז דאָך ווי די גמרא זאָגט (סוטה מט.) **מִשֶּׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז אֵין לְךָ יוֹם**, אַז ס׳איז נישט [קִלְלָתוֹ] **חלילה מְרֻבָּה מֵחֲבֶרְתָּהּ**. [ואם כן הוא באמת דבר גדול] **אַז** מ׳זאָל זיך דאָך דערהאַלטן ביי דער אמונה [וזהו רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ].

ווי דער אמת איז היינט גרויסע געוואַלדיגע נסיונות אויף דעם שטיקעלע אמונה אַליין. מ׳זאָל זיך באַרעכענען, - אוי רבונו של עולם, מ׳זאָל בעטן השם יתברך זאָל רחמנות האָבן, - **דאָס שטיקעלע אמונה אין הקדוש ברוך הוא, דאָס דערהאַלט דאָך די גאַנצע וועלט, דער זכות האמונה, און די כוחות הטומאה האָבן זיך אויף דעם פאַרלייגט.**

בעוונינו הרבים מ׳זאָל זיך גוט אומקוקן, צווישן דאָס ביסעלע שומרי התורה והמצות, ווי ווייניג טרעפט מען מיט אמונה שלימה, איבערהויפּט אין אַלע י״ג עיקרים.

מ׳זאָל באמת גלייבן אין השגחת הבורא ברוך הוא. און אין ביאת המשיח. און אין ישועתן של ישראל, אַז ס׳איז מקושר מיט די תורה הקדושה.

**אוי נא לנו אַז מ׳האָמיר זיך דאָס דערגרייכט, אַז מ׳האָט גרויסע נסיונות אויף דעם שטיקעלע אמונה. דאָרט האַלט מיר שוין!**

[שבנוסף] מיט די גרויסע נסיונות אויף יעדן קיום התורה והמצות, דאַרף מען נאָך גרויסע נסיונות האָבן אויף דעם שטיקל אמונה?!

[ונתקיים בנו הפסוק שבפרשת האזינו (לב, כא)] ווי רש״י זאָגט **בְּגוֹי נָבָל אַכְעִיסֵם, בְּגוֹי נָבָל אלו המינים**, שנאמר אָמַר נָבָל בְּלִבּוֹ אֵין אֱלֹקִים (תהלים יד, א).

יג

איבערדעם זאָגט מען לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ.

[ווייל] דאָס איז דער יסוד, דער כבוד שמים, וואָרן אַז ס׳איז נתפשט די אמונה, אַז ס׳איז איינגעפּרעגט די אמונה, וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ [זהו כבוד שמים].

וּפִתְחוֹן פֶּה לַמְיַחֲלִים לָךְ: הוא תפלה גדולה למי שיש לו אמונה בלב שיוכל לפתוח פיו להשיב

אַזוי ווי מ׳זאָג מיר אין די תפלות פון ראש השנה און יום הקדוש, **תְּהִלָּה לִירֵאֶיךָ, וְתִקְוָה טוֹבָה לְדוֹרְשֶׁיךָ, וּפִתְחוֹן פֶּה לַמְיַחֲלִים לָךְ.**

אוי ווי גרויס די הסתרה איז! ווי גרויס דאָס חשכות! כך עשה הקדוש ברוך הוא, אין דעם תוקף הגלות, ס׳איז אַלעס אַזוי פאַרשטעלט.

---

[כה] **בפלגי מים** (על איכה, להגאון רבי יעקב מליסא - החוות דעת) וז״ל, חֲדָשִׁים אני רואה חסדים המתחדשים לַבְּקָרִים, והן, במה שאתה מַרְבָּה אֱמוּנָתֶךָ אצלי, ואתה מחזיק בידינו שלא נהיה נסוגים אחור ח״ו מגודל היסורין.

KolSatmar.com

אַ איד וואָס ער האָפּט צום באַשעפער, אַז ער האָט אין האַרץ דאָס שטיקעלע אמונה, האָט דאָס מויל [נישט] קיין פִּתְחוֹן פֶּה, האָט מען נישט קיין פִּתְחוֹן פֶּה, וואָס מ׳קאָן ענטפערן, לָמָּה יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם (תהלים קטו, ב), מ׳זעט די אַלע מהרסים ומחריבים אוי וויי, און די אַלע שונאי השם די כוחות פון די סטרא אחרא.

אוי ווי אַ שטאַרקע תפלה וואָס מ׳זאָגט פִּתְחוֹן פֶּה לַמְיַחֲלִים לָךְ, דאָס "פִּתְחוֹן פֶּה" זאָל זיין [מ׳זאָל קענען עפענען דאָס מויל צו ענטפערן]. (עיין לקמן אות סט שתי בחינות בזה).

[אמנם] מ׳זאָל מקבל זיין אויף זיך אין דעם גלות [להתחזק באמונה], אפילו מ׳האָט נישט וואָס צו זאָגן, ס׳איז נישטאָ קיין פִּתְחוֹן פֶּה, ס׳איז כבשו פניהם בקרקע (שבת קיט:), [ונתקיים מאמרם ז״ל (סנהדרין צז.)] וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל על הבריות[כו], מ׳איז מִשְׁתּוֹלֵל על הבריות, ווייל מ׳האָט נישט וואָס צו ענטפערן.

אוי האָט מען אונז געלאָזט אין אַ שוואַך דור, אין אַזעלכע ביטערע נסיונות.

יד

לאָמיר איינרייסן! לאָמיר נישט אַוועק מיט גאָרנישט!

מ׳האָמיר די זכיה אין אַזאַ הייליגן טאָג הושענא רבה, מ׳זעמיר זיך דאָך צוזאַמען געקומען.

ס׳איז חשוב פאַר׳ן באַשעפער איין תנועה אַן ערנסטע.

אַן אמת׳דיגער טרער פאַר׳ן בורא כל עולמים לאָמיר נישט שוינען!

לאָמיר נישט שווייגן, אוי וויי.

[וכפירוש הפסוק] מַה בֶּצַע בְּדָמִי [בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת] (תהלים ל, י), דָמִי לשון שתיקה, שטייט אין ישמח משה[כז], חלילה אַז מ׳שווייגט, וויל איך נישט זאָגן וואָס ווייטער שטייט אין פסוק.

מַה בֶּצַע בְּדָמִי, לאָמיר נישט שווייגן! אוי וויי!

לאָמיר איינרייסן אוי וויי!

לאָמיר וויסן וואָס מ׳האָמיר פאַר זיך אין אַזאַ הייליגן טאָג, וואָס מ׳ברויך מיר זיך אויסבעטן, אוי וויי.

אַן אמת׳דיגע ישועה! אוי וויי, אוי וויי.

לה

דאָס וועט זיין די גאולה, פון דעם וועט אַרויסקומען דער כבוד שמים.

דאָס וועט זיכער זיין, און גאָר קורץ, רבותי!

ס׳קען שוין נישט לאַנג דויערן, דאָס איז זיכער. ס׳איז שוין נישטאָ קיין לאַנגע זמנים.

נאָר לאָמיר אונז זיין פון די וואָס:

מ׳וועלמיר זיך מִתְקַשֵּׁט זיין.

מ׳זאָלמיר זיך אָנגרייטן מצות ומעשים טובים.

---

[כו] כדכתיב (ישעי׳ נט, טו) וַתְּהִי הָאֱמֶת נֶעְדֶּרֶת וְסָר מֵרָע מִשְׁתּוֹלֵל. ופירש״י מוחזק שוטה על הבריות.

[כז] בדרשה קודם כל נדרי (תוכחת מוסר אות ג)

KolSatmar.com

**מ׳זאָלמיר גיכער דופקי זיין בתשובה.**

**מ׳זאָלמיר די זכיה האָבן מקבל זיין דעם מלך המשיח בְּאַנְפִּין נְהִירִין, אוי ווייִ!**

מ׳זאָלמיר זיין פון די, אַז מ׳וועט דאָס די זכיה האָבן צו דערלעבן, ווען משיח וועט קומען, זאָל ער קענען זאָגן: **דאָס איז די אידן וואָס זיי האָבן צוגעהאָלפן צו דער גאולה!**

נישט חלילה פון די וואָס זיי האָבן מעכב געווען די גאולה, וואָס פאַר אַ פנים וועט מען האָבן אוי וויי, אַז דער מלך המשיח וועט קומען, וְהוּא מְחֹלָל מִפְּשָׁעֵנוּ[כח] (ישעי׳ נג, ה), וויאַזוי וועט מען קוקן אין פנים אַריין, ס׳וועט זיך אַרויסשטעלן דער אמת, ווער ס׳האָט מעכב געווען די גאולה.

## לו

## התשובה שעושים בימינו חשובה יותר מהכל

התשובה לאחר ביאת המשיח יהי׳ בבחינה גדולה, אבל התשובה שעושין בתוך החשכות חשובה יותר

**לאָמיר זען, לאָמיר זיך אַהינגעבן פאַר׳ן כבוד שמים און פאַר אמונה שלימה ואמיתית און פאַר תשובה שלימה, וויפיל מ׳קען.**

גאָר הויך [תשובה] וועט מען טאָן הערשט דעמאָלטס ווען דער מלך המשיח וועט קומען.

**אָבער דאָס ביסעלע וואָס מ׳קאָן טאָן היינט, איז חשוב׳ער פון אַלדינגס.** הקדוש ברוך הוא זעט מ׳איז אין אַ גרויס חשכות.

[ועל דרך משל, כמו שבבית חושך] **אַ קליין לעכטל אַז מ׳צינדט אָן, לייכט עס זייער,** [משא״כ] **ווען די שטוב איז פול מיט ליכט, מעג מען אָנצינדן דאָס גרעסטע ליכט זעט זיך נישט אַזוי אָן.**

דעמאָלטס [לאחר ביאת המשיח] אַז מ׳וועט תשובה טאָן און מ׳וועט דינען דעם באַשעפער ווען ס׳וועט זיין אַזאַ גרויסער אור, וואָס זעט זיך אָן?!

אָבער היינט אין דעם ביטערן חשכות:

**לאָמיר אָנצינדן כאָטשיג אַ קליין לעכטל! וועט עס אַ גרויסן אור האָבן, ווי חשוב וועט עס זיין פאַר׳ן בורא כל עולמים.**

בירושלמי: בזמן שהֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ אז הוא עֵת לַעֲשׂוֹת לַה׳, שחשובה ביותר

ווי דער **ירושלמי** (סוף מס׳ ברכות) **טייטשט**[כט] (תהלים קיט, קכו) **עֵת לַעֲשׂוֹת לַה׳** דעמאָלטס איז די צייט צו טאָן פאַר׳ן באַשעפער, ווען ס׳איז הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ. אַז מ׳איז אין אַ דור פון הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ, דעמאָלטס איז די צייט צו דינען דעם באַשעפער, דעמאָלטס איז עס זייער חשוב.

---

[כח] בסנהדרין (צח:) מבואר גודל היסורים שסובל מלך המשיח עבור עוונותיהם של ישראל וברש״י שם מביא הפסוק והוא מחולל מפשעינו, עיי״ש. והוא גם במדרשים ובזוה״ק.

[כט] וז״ל הירושלמי (סוף מסכת ברכות). תני רבי שמעון בן יוחי אומר, אם ראית את הבריות שנתייאשו ידיהן מן התורה מאד, עמוד והתחזק בה, ואתה מקבל שכר כולם, מה טעמא הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ עֵת לַעֲשׂוֹת לַה׳.

KolSatmar.com

# תפלות על צרכי בני ישראל

## שִׂיחִים לְקוֹמְמָה. עֲדָנִים לְעָצְמָה. פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה. צְמָחִים לְנִשְׁמָה

מ׳קען טייטשן נְשִׁיָּה לְקַיָּמָה.

נְשִׁיָּה איז דאָך לשון שִׁכְחָה, ס׳ווערט אָנגערופן גִּיד "הַנָּשֶׁה" (בראשית לב, לג), גִּידָא "דִמְנַשְׁיָא" לִבְנֵי נָשָׁא מִפּוּלְחָנָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הִיא, אַזוי שטייט דאָך אין **זוהר** (וישלח קע:), [וכן כתיב (תהלים פח, יג)] **בְּאֶרֶץ נְשִׁיָּה** [ופירש במצודות, לשון שִׁכְחָה].

**עה**

נְשִׁיָּה לְקַיָּמָה אופן א:

### להתפלל שכבר יתגלה שהשי"ת לא שכח מהכלל ישראל

דער אמת, ווי ס׳זעט אויס פון אויסענווייניג, האָט מען גאָר פאַרגעסן [מהכלל ישראל].

דאָס איז דאָך דאָס ענין פון זכרונות, יעלה זכרוניכם לפני[ל], [ואומרים בסדר זכרונות] כִּי זוֹכֵר כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת אַתָּה [הוא מֵעוֹלָם] וַעֲקֵדַת יִצְחָק לְזַרְעוֹ הַיּוֹם בְּרַחֲמִים תִּזְכּוֹר.

אַזוי ווי מ׳זעט אָן די הנהגה, מיינט מען דאָך אַז מ׳האָט גאָר פאַרגעסן, מיינט מען אַז מ׳האָט גאָר חלילה שוין גאָר אין אונז פאַרגעסן, אַז מ׳זעט דעם התגברות, דער כח הסטרא אחרא און די כוחות הטומאה, מיינט מען שוין חלילה [אַז] דער כח הקדושה איז שוין חלילה נשתכח געוואָרן.

**עו**

נְשִׁיָּה לְקַיָּמָה אופן ב:

### להתפלל שדרך הישן שהתנהגו הצדיקים על פי התורה לא ישתכח מאתנו

אין די גמרא (שבת קלח) איז אַ פלוגתא צי עתידה תורה שתשתכח מישראל, און ער [רבי שמעון בן יוחאי] **זאָגט, חס ושלום** [שתשתכח, שנאמר (דברים לא, כא)] **כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ**, און ער [התנא קמא] ברענגט דאָך אויך אַ פסוק אַז ס׳וועט פאַרגעסן ווערן [שנאמר (עמוס ח, יא) וְהִשְׁלַחְתִּי רָעָב בָּאָרֶץ לֹא רָעָב לַלֶּחֶם וכו׳ כִּי אִם לִשְׁמֹעַ אֵת דִּבְרֵי ה׳ וגו׳ יְשׁוֹטְטוּ לְבַקֵּשׁ אֶת דְּבַר ה׳ וְלֹא יִמְצָאוּ וכו׳].

נאָר דער אמת אפילו ס׳ווערט פאַרגעסן, אַלץ אַ שטיקל זכר בלייבט, און דאָס וועט אַמאָל אַפירקומען, די אַלע נשכחות וועלן שטיין בלייבן.

**עז**

...איבערדעם בעט מען זיך נְשִׁיָּה לְקַיָּמָה, דאָס וואָס ס׳איז גאָר פאַרגעסן געוואָרן דאָס זאָל מען צוריק אויפשטעלן, און דאָס וועט בלייבן, כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ, דאָס איז דאָך בכלל, אויף די תורה הקדושה [אופן ב] און אויף אידן [אופן א], בעט מען זיך נְשִׁיָּה לְקַיָּמָה.

---

[ל] **בראש השנה** (טז.) אמר הקדוש ברוך הוא אמרו לפני בראש השנה מלכיות זכרונות ושופרות וכו׳ זכרונות כדי שיעלה **זכרוניכם לפני לטובה** וכו׳ אמר רבי אבהו למה תוקעין בשופר של איל, אמר הקדוש ברוך הוא תקעו לפני בשופר של איל, כדי שאזכור לכם עקידת יצחק בן אברהם.

KolSatmar.com

עט

איבערדעם איז שִׂיחִים לְקוֹמְמָה.

אַזוי ווי כ׳האָב געזאָגט דעם ראש השנה און ימים טובים[לא], אַז די אַלע תפלות פון די פריערינגע שטייען, ס׳דאַרף זיך נאָר דערוועקן, ס׳דאַרף קומען די צייט.

שִׂיחִים לְקוֹמְמָה: מתפללים שכבר יהיה הזמן ש״תפלות״ הצדיקים הקודמים יתעוררו

[וכמו כן יש לפרש שִׂיחִים לְקוֹמְמָה, על פי מה שדרשו חז״ל (ע״ז ז:)] אין שיחה אלא תפלה, איז דאָס שִׂיחִים לְקוֹמְמָה, די אַלע תפלות פון די פריערדיגע צדיקים וואָס מ׳מיינט ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז פאַרגעסן געוואָרן, [אנו מתפללים] שִׂיחִים לְקוֹמְמָה [והוא כעין תפלת נְשִׁיָּה לְקַיְּמָה באופן ב׳].

פ

אופן א: עֲדָנִים לְעָצְמָה פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה, שמזמני הגאולה יפרח הגאולה

ממילא וועט זיין פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה. די אַלע [תפלות הצדיקים] וואָס ס׳איז נאָר פְּרָחִים, אַז ס׳ווערט נישט דורכגעפירט [אנו מתפללים עס זאָל זיך דערוועקן, לְהַעֲצִימָה שיצא מזה הגאולה בפועל].

פא

אופן ב: פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה

## להתפלל על המתחילים לפרוח באידישקייט, שיתעצמו ויעשו לפרי

דער חתם סופר זאָגט (דרשות חת״ס, ז׳ אב תקצ״ט ד״ה וכבר) אֱחֱזוּ לָנוּ שֻׁעָלִים שֻׁעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים וּכְרָמֵינוּ סְמָדַר (שיר השירים ב, טו), זאָגט ער אין דורות הראשונים בזמן הגמרא ס׳איז געווען צדוקים וביתוסים, און אַזוי בכל דור ודור איז געווען אייביג מחבלי כרמים, נאָר דער פעלער איז געווען ס׳איז געווען מחבלי כרמים, די ״כְּרָמִים״ זענען אָבער געווען צדיקים גמורים, זענען אַלע געווען גרויסע צדיקים, איז געווען אַ כח קעגן זיי.

זאָגט ער, היינט אין דעם דור – דער חתם סופר זאָגט עס בדורו – אַז ס׳שטייען אויף די מחבלי כרמים, זאָגט ער אֱחֱזוּ לָנוּ שֻׁעָלִים שֻׁעָלִים קְטַנִּים מְחַבְּלִים כְּרָמִים, ס׳איז דאָ און ס׳איז געווען אייביג [מְחַבְּלִים], נאָר דער פעלער איז וּכְרָמֵינוּ סְמָדַר, סְמָדַר איז אַן אומדערפאַרטיגטע זאַך, ס׳איז נאָר סְמָדַר, ווען ס׳איז נישט קיין גמר פרי הייסט עס סְמָדַר, דער פעלער איז וּכְרָמֵינוּ איז נאָר סְמָדַר, די מחבלי כרמים זענען דאָ, אָבער די כרמים די צדיקים זענען נאָר סְמָדַר, פאַרצייטנס איז עס געווען דער גמר פרי, אַזוי זאָגט דער חתם סופר בימיו.

פב

היינט האַלט מיר נאָך פאַר סְמָדַר, ווען ס׳הייבט אָן צו בליען איז עס אַ פרח, איז עס פְּרָחִים, ס׳איז נאָך ניטאַמאָל קיין פְּרִי, ס׳איז נאָך ניטאַמאָל געוואַקסן, ס׳איז נאָכנישט קיין סמדר נישט קיין בוסר, ס׳איז נאָר פְּרָחִים, היינט איז עס נאָך געררוקט ווייטער, אין דעם דור איז עס נאָר פְּרָחִים.

---

[לא] עיין דברי יואל לראש השנה (אות לא) ולערב יו״״כ (אות ג).

KolSatmar.com

איבערדעם בעט מען זיך פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה, אַז יעדעס שטיקל בלום, יעדע בלום וואָס ס׳בליעט, וואָס ס׳הייבט אָן עפּעס צו בליען אין אידישקייט, אַז מ׳הייבט אָן צו באַקומען אַ שטיקל התעוררות, אַז מ׳דערמאַנט זיך אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער, מ׳באַקומט אַ שטיקל רצון אַ שטיקל חשקות צו די תורה הקדושה, אַז מ׳הייבט אָן עפּעס צו טאָן אַ שטיקל הכנה, דאָס איז אַ בלום פון אידישקייט, ס׳הייבט אָן צו בליען, אָבער אַז מ׳וואַרט עס אָפּ ווען ס׳איז נאָך אַ בלום, וַיֹּצֵא פֶרַח וַיָּצֵץ צִיץ וַיִּגְמֹל שְׁקֵדִים (במדבר יז, כג), אָבער לעת עתה אין דעם גרויסן שפלות אפילו מ׳דערמאַנט זיך אַמאָל עפּעס, און מ׳קומט זיך צוזאַמען אין בית המדרש אַז מ׳זאָל עפּעס טאָן, איז עס אַזוי ווי אַ בלום, אָבער מ׳פירט נישט דורך גאָרנישט.

איבערדעם בעט מען ס׳זאָל זיין פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה, ס׳זאָל ווערן געשטאַרקט די בלום וואָס ס׳הייבט אָן צו בליען, ס׳זאָל שוין אַרויסקומען אַ גמר פרי.

### פג
#### צְמָחִים לְגָשְׁמָה

איבערדעם איז ״צְמָחִים״ ווען ס׳הייבט אָן צו שפּראָצן ״לְגָשְׁמָה״, יעדע זאַך אַז ס׳קומט לכלל מעשה ווערט עס אָנגערופן לְגָשְׁמָה, אַז ס׳איז אַרויסגעקומען שוין במעשה.

### פד
#### אופן ג: פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

## להתפלל עבור החינוך שיוכלו להתחנך ולהתגדל בדרך הקדושה

פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה קען אַרויפגיין אויף אַלדינגס, אויף תינוקות של בית רבן, אויף זרע ישראל ווען ס׳הייבט אָן צו בליען, וואָרן אין דעם כח אין דעם זכות פון תינוקות של בית רבן איז דאָ השראת השכינה.

ווי דער **פרשת דרכים** (דרך צדיקים, דרוש כד) **ברענגט דעם מדרש** (איכה רבתי פ״א) אַז הקדוש ברוך הוא איז נישט אַוועק פון ירושלים ווען ס׳איז יעדער אַוועק, נאָר ווען תינוקות של בית רבן זענען אַוועק איז הקדוש ברוך הוא אויך אַוועק. ווייל דאָס איז דער יסוד פון אידן, תינוקות של בית רבן, ס׳זאָל נתגדל ווערן אידישע דורות.

**בעוונינו הרבים אין ארבע פינות העולם האָט מען זיך פאַרלייגט אויפ׳ן חינוך פון אידישע קינדער, הבל פיהם של תינוקות של בית רבן, האָט מען זיך פאַרלייגט.**

און אפילו במקום הקודש דער מקור הקדושה וטהרה, מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז (תהלים ח, ג), **ווי האָט מען זיך פאַרלייגט אויפ׳ן חינוך.**

אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים, מיט׳ן דרך הטבע זעט מען גאָרנישט, גרויס רחמים ברויך מען ס׳זאָל אויפגעצויגן ווערן אידישע דורות.

און [דאָהי איז] אויך דאָס זעלבע, אַז דער בורא כל עולמים האָט פאַרוואָרפן אידן איבעראָל מיט די גרויסע נסיונות, **דער בורא כל עולמים האָט אונז אויך** געשיקט אַהער אין אֶרֶץ הַטְּמֵאָה, מ׳האָט אונז געשיקט [צו זיין] שלוחים פון

KolSatmar.com

בורא כל עולמים, מ׳זאָלמיר איינפלאַנצן די כוחות הקדושה - אויף דעם זעמיר געקומען - און די תורה הקדושה, ברויך מען האָבן סייעתא דשמיא אַז מ׳זאָל חלילה נישט משוקע ווערן בטומאת הארץ, מ׳ברויך מיר מתפלל זיין ביי יעדער געלעגנהייט אַז מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען די שלשלת הקדושה, ס׳זאָל זיין פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

פה

אופן ד: פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

## להתפלל על הצריכים להוושע בזרע של קיימא

ווידעראום איז אויך מרומז, די אידן וואָס ברויכן געהאָלפן ווערן מיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא, ס׳זאָל זיין פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

בְּצִלָּם נִחְיֶה בַגּוֹיִם[לב], מיט׳ן כח פון תינוקות של בית רבן.

מ׳זאָלמיר די זכיה האָבן:

מעמיד צו זיין דורות.

מגדל צו זיין דורות פאַר׳ן בורא כל עולמים.

מ׳זאָלמיר חלילה נישט זינדיגן. ס׳שטייט תינוקות של בית רבן זענען עֲרֵבִים, זיי זענען די ערבות פאַר׳ן עון הדור, אַזוי ווי אין די אַלע יאָרן האָט מען געזען.

אוי וויפיל מיליאָנען קינדער יונקי שדיים שלא חטאו זענען מיטגעריסן געוואָרן בעון הדור [ונהרגו על קידוש השם בשנות הזעם]. זיי זענען עֲרֵבִים!

לאָמיר אונז זען אַז מ׳זאָל מתקן זיין וואָס מ׳האָט פוגם געווען, מ׳זאָלמיר חלילה נישט ווייטער אַזוי אָפּשניידן אוי וויי.

לאָמיר רחמנות האָבן אויף די תינוקות של בית רבן! אוי וויי.

מ׳זאָלמיר האָבן סייעתא דשמיא מ׳זאָל מעמיד זיין דורות פון אידן.

פז

אופן ה: פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

## להתפלל שיכלו לתקן הניצוצין הקדושים שנבראו ל״ע על ידי החטא

אויך איז דערינען, מ׳האָט מעמיד געווען חלילה "בנים זרים" פון דעם חטא הידוע, מ׳זאָלמיר דאָס צוריקנעמען למקום הקדושה, פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

ס׳איז ידוע דער טאַטע זכרונו לברכה פלעגט צו זאָגן וואָס זיי האָבן געזאָגט די צדיקים, אַז ווען מ׳איז זיך צוזאַם געקומען אין אַ מקום קדוש, קומען די ניצוצין הקדושים וויינען און שרייען בעטן זיך צום עולם "זייטס אונז מעלה", זיי האָבן געזאָגט זיי האָבן געזען, אונז זעה מיר נישט נאָר מ׳גלייב מיר, לאָמיר נישט אַרויס פון דאַנעט און חלילה אַזוי איבערלאָזן ווייטער, לאָמיר אַרויסגיין מיט אַ תכלית, ס׳זאָל זיין פְּרָחִים לְהַעֲצִימָה.

---

[לב] על פי הפסוק (איכה ד, כ) בְּצִלּוֹ נִחְיֶה בַגּוֹיִם.

KolSatmar.com

פח

המשך נְשִׁיָּה לְקִיְּמָה אופן ב

## להתפלל שיתקיים הדרך הישן של דורות הקודמים

לאָמיר צוריקגיין וואָס מ׳זעמיר דאָ געבליבן נְשִׁיָּה לְקִיְּמָה, דאָס וואָס ס׳איז גאָר פאַרגעסן געוואָרן.

**אַז מ׳דערמאַנט זיך צוריק אין די פריערדיגע דורות ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען, ס׳איז געווען אידן וואָס זיי האָבן געזוכט דעם אמת, אפילו דער המון עם האָבן אויך דאָס געוואוסט אַז דאָס איז דער אמת׳דיגער דרך, יעדער האָט זיך געכאַפּט על כל פנים, אפילו מ׳איז נישט געווען אינגאַנצן דערביי האָט מען געזוכט דעם דרך האמת, ווייל מ׳האָט געוואוסט דאָס איז דער אמת, אַז מ׳זאָל גיין אין דרך הישן ברוח ישראל סבא, און מיט דעם האָט מען ממשיך געווען די קדושה.**

אשריהם הצדיקים זיי האָבן זוכה געווען לעולם הבא, זיי פרייען זיך בגן עדן העליון, און אונז זעמיר געבליבן לְעַצָּבָה וּלְאֲנָחָה, הֵמָּה הָלְכוּ לִמְנוּחוֹת וְאוֹתָנוּ עָזְבוּ לַאֲנָחוֹת, אונז זעמיר געבליבן אין דעם חשכות מ׳זאָל עפּעס קאָנען דאָך עפּעס האָרעווען.

מ׳האָט שוין גאָר פאַרגעסן דעם אמת׳דיגן דרך, מ׳מיינט שוין גאָר חלילה, אַזוי ווי מ׳זעט היינט דאָס הִתְגַּשְּׁמוּת, אַז אַזוי ברויך אויסצוזען, מ׳זאָגט: **״ס׳איז גוט״! ״ס׳איז היינט אַן אַנדערע וועלט״!**

[אָבער] **דער חתם סופר זאָגט, ער האָט געשריבן אין די צוואה ״יש לנו אב זקן הוא לא נשתנה והוא לא ישתנה״.**

ס׳שטייט אין פסוק (מלאכי ג, ו) דער נביא האָט געזאָגט אַז מ׳וועט זען ביי דער גאולה אֲנִי ה׳ לֹא שָׁנִיתִי, ס׳וועט זיך אַרויסשטעלן אַז הקדוש ברוך הוא איז נישט נשתנה געוואָרן (כדלעיל אות עח).

מ׳מיינט היינט איז אַן אַנדערע וועלט, און מ׳פאַרגעסט זיך שוין גאָר וואָס ס׳איז געווען אַמאָל.

**אוי ס׳זאָל שוין צוריקקומען דאָס וואָס מ׳האָט שוין פאַרגעסן, דאָס פריערדיגע פון דור הישן.**

[ועל כל זה מתפללים:]

**הוֹשַׁעְנָא נְשִׁיָּה לְקִיְּמָה הוֹשַׁעְנָא:**

KolSatmar.com

מס"ג פרשת נצבים וילך תשי"ט (7 מינוט)

# כח הצדיקים לאחר פטירתם

איבערדעם איז וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה, ער [הרבינו בחיי] זאָגט, ער [משה רבינו] איז געגאַנגען צו יעדן.

- אַזוי ווי דער רבינו בחיי זאָגט - צו יעדן בפרטיות, יעדן אַריינגעקראָכן לחדרי בטנו אַז מ'מיינט 'אים'.

מב

משה רבינו דיבר לכל איש ישראל בפרטיות לפי בחינתו

יעדער האָט דאָך אַנדערע פרטיות וואָס ער ברויך האָבן.

פונקט אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות נה עא. במד"ר פכ"א ב') כשם שאין פרצופיהם שוין כך אין דיעותיהן שוין.

אַזוי [ווי] יעדער האָט אַן אַנדערע דיעה, יעדער האָט דאָס האַרץ אויף אַן אַנדערע בחינה, און דער דעת אויף אַן אַנדערע בחינה, דער מוח אויף אַן אַנדערע בחינה.

אַזוי ברויך יעדער האָבן אַ דרך אין אידישקייט לויט זיין בחינה, יעדער ברויך האָבן אַ ישועה לויט זיין בחינה, אַזוי ווי זיין דעת זיין טבעיות איז אַנדערשט, קיין שום מענטש איז נישט גלייך מיט'ן אַנדערן.

מג

משה רבינו היה לו הכח להשפיע בפרטיות לכל אחד ואחד

[ולכן התפלל משה רבינו ע"ה (במדבר כז, טז)] יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת [ופרש"י עה"פ איש אשר רוח בו] שיוכל לילך כנגד רוחו של כל "אחד ואחד".

און דאָס איז נאָר געווען, נאָר משה רבינו [שהיה לו הכח הזה], אָבער [התפלל שהשי"ת יפקוד מנהיג] מיט סייעתא דשמיא, [אשר יוכל להשפיע] מיט זיינע דיבורים, ס'זאָל עולה זיין אויסערן כלליות [לכל הציבור, גם להפרטיות] לפי רוחו של כל אחד ואחד.

מד

[וזה יש לומר גם בפרשת וילך] דאָס זאָגט דער רבינו בחיי וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה [שהלך לכל אחד בפרטיות].

ויש לומר, שמשה רבינו לא הלך בעצמו, רק כוחו הלך לחדרי לבבו של כל אחד ואחד

אפשר קאָן גאָר זיין, ער איז ניטאַמאָל געגאַנגען [בגופו. ומיושב קושיא יא למה לא קראם לפניו]. נאָר אַז דער "כח" זיינער איז געגאַנגען, הייסט עס שוין [וַיֵּלֶךְ] אַזוי ווי ער איז געגאַנגען.

דער פסוק זאָגט אַז משה רבינו איז געווען פאַר'ן הסתלקות, אַז ער האָט זיך געזעגנט מיט אידן, און ער האָט געוואָלט ברענגען אַ ישועה פאַר'ן כלל ישראל, האָט ער אַריינגעשיינט אין יעדן בפרטיות וואָס ער האָט געברויכט, אויף וואָס פאַר אַ בחינה.

יעדערער וואָס מ׳דאַרף תשובה צו טאָן, איז דאָ אַן אַנדערע בחינה וואָס קאָן אים מעורר זיין, וואָס קאָן אים אויפוועקן דאָס האַרץ, יעדער ברויך אַן אַנדערע בחינה, אַנדערע מיני דיבורים, וואָס נאָר דער בורא כל עולמים שיקט אַריין.

עס ווערט דאָך אָנגערופן ״וַיֵּלֶךְ״[לג], איבעראָל וואו דער כח גייט, איז דאָך אַזוי ווי מ׳איז געגאַנגען אַהין.

איבערדעם זאָגט ער, אַז צו יעדן עקסטער איז ער געגאַנגען, [היינו שכוחו הלך] אין פנימיות לבבו אַריין, בחדרי בטנו בחדרי ביתו.

מה

יעדערער בעי זיך אין שטוב ברויך צו זיין אַ איד.

ס׳איז פאַרהאַן איינער ברויך אַ ישועה אין בית המדרש, אין דיבורי תורה ותפלה.

איינער ברויך אַ ישועה ביי זיך אין הויז, אין שטוב, ער זאָל זיין אַ איד, ער מיט׳ן בני בית, אַלע זאָלן זיין נֶאֱמָנִים לַה׳ וּלְתוֹרָתוֹ, בכל עשיותיו מיט מחשבות טהורות פאַר׳ן בורא כל עולמים, מ׳זאָל נישט נִתְגַשֵׁם ווערן.

א יעדערער איד בפרטיות ברויך אַן אַנדערע ישועה אויף אַן אַנדערע בחינה, קיינער ווייסט נישט מטמונותיו של חבירו, נאָר איין באַשעפער וואָס ער קאָן משפיע זיין פאַר יעדן עקסטער.

וואָס קאָן מען טאָן אין דעם דור השפל, מִי יוֹרֶה דֵעָה וּמִי יָבִין שְׁמוּעָה[לד]. אויף וועמען קאָן מען זיך פאַרלאָזן, ווער וועט פאַר אונז בעטן, ווער וועט אונז משפיע זיין אין די מגושם׳ע הערצער.

ס׳קומען די הייליגע טעג, השם יתברך זאָל מעורר רחמים זיין אין זכות פון די פריערדיגע צדיקים קדושי עליונים, וואָס זיי האָבן געבעטן דעם באַשעפער עד סוף כל הדורות, אויף אייביג האָבן זיי געבעטן דעם בורא כל עולמים, ס׳זאָל זיך דערוועקן דער זכות פון אונזערע רבי׳ס, פון אונזערע עלטערן, פון די פריערדיגע דורות, וואָס זיי האָבן געדינט דעם באַשעפער באמת, ס׳זאָל מגין זיין אויף אונז.

מ׳לעב מיר אין אַזאַ דור שפל, אין אַזאַ חשכות, מ׳האָט זיך נישט וואו אנצוכאַפּן, פון וועמען זאָל מיר זיך דערוואַרעמען, וואו זאָל מיר זוכן טהרת הלב.

השם יתברך זאָל העלפן, די הייליגע טעג זאָלן דורך [גיין] מיט רחמים וחסדים, מ׳זאָל אויף אונז רחמנות האָבן, און אויפ׳ן גאַנצן כלל ישראל, בשמי שמים. ס׳זאָלן זיך דערוועקן די מלאכי רחמים, און זאָלן אויף אונז מלמד זכות זיין, אין דעם גרויסן שפלות.

איבערדעם איז געווען וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה.

---

[לג] בס״ג שופטים תשי״ג (לשון קדשו אות מו) וזלש״ק, דער **בני יששכר** זאָגט (סיון, ימי הגבלה ב, ב), ס׳שטייט וואו נָעֳמִי האָט געזאָגט פאַר רות׳ן וְיָרַדְתִּי הַגֹּרֶן עמך, כ׳וועל מיט דיר גיין, [יש בפסוק] אַ קרי מיט אַ כתיב, [הקרי] וְיָרַדְתְּ, און [הכתיב] וְיָרַדְתִּי. דער מדרש זאָגט ״זכותי תרד עמך״, כאָטש זי [נָעֳמִי] איז דאָך נישט מיטגעגאַנגען, נאָר ווייל איר ״זכות״ איז מיטגעגאַנגען הייסט דאָס ווי גלייך זי איז מיטגעגאַנגען.

[לד] עפ״י הפסוק ישעי׳ כח, ט.

KolSatmar.com

ויש להוסיף עוד, שוַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה קאי גם לאחר הסתלקות משה רבינו ע"ה

קאָן זיין, אפילו ווען משה רבינו איז נסתלק געוואָרן, אָבער די דיבורים זענען געבליבן[לה], וַיְדַבֵּר אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל [היינו שכוחו הולך אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל עד סוף כל הדורות].

נח

## סיום התורה וברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָלמיר נאָך תשובה טאָן פאַר׳ן בורא כל עולמים.

מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל גיין אין דרך האמת.

מ׳זאָל זיך קאָנען מקשט הנפש זיין, מ׳זאָלמיר במהרה געהאָלפן ווערן מיט כל מיני ישועות טובות.

ס׳זאָל זיין חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם, אַז דאָס ביסל אידן דאָס שארית הפליטה וואָס ס׳איז נאָך דאָ מעט מן המעט, זאָלן שוין די זכיה האָבן צו דערלעבן דאָס גוטע.

דער בורא כל עולמים זאָל שוין אָפּהיטן אידן מכל צרה וצוקה.

מ׳זאָלמיר זיך אויסבעטן, ס׳זאָל טאַקע זיין תכלה שנה וקללותיה, ס׳זאָל זיין תחל שנה וברכותיה.

מ׳זאָלמיר די זכיה האָבן, מ׳קום מיר אַריין היצטערט אין דעם יאָר, אין די הייליגע טעג, זאָלמיר זיך טאַקע אויסבעטן אַן אמת׳דיג לעכטיג יאָר. מיט לעכטיגע הערצער, השי"ת זאָל מאיר זיין עיני ישראל מ׳זאָלמיר האָבן לעכטיגע אויגן מ׳זאָל זען דעם אמת, אמת׳דיגע הערצער צום באַשעפער.

מ׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן מכל צרה וצוקה, ס׳זאל נישט געשען שוין חלילה קיין שלעכטס פאַר קיין שום איד.

מ׳זאָלמיר געהאָלפן ווערן מיט אַ שנה טובה ומבורכת, אַ שנת גאולה וישועה בכלל ובפרט.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין במהרה, צו זען בישועת כל ישראל ושמחתן, ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

---

[לה] **בס"ג שופטים תשי"ג** (לשון קדשו, אות ס) מאריך רבינו בבחינה זו שיכולים למצוא כח הצדיקים בכל מקום, אם לומדים בספריהם ומבקשים לילך בדרכיהם, וזלש"ק:

די אַלע קולות פון די נביאי אמת דאָס איז קיים נצחי, איבערדעם אַז דער אייבירשטער העלפט, אַז מ׳זוכט, איז עס מתנוצץ בלב. דער בורא כל עולמים איז משפיע און דער שכל איז משיג, [דער שכל] פירט צום דרך האמת.

מ׳ווייסט אפילו נישט אַז ס׳איז פון זייערע דיבורים, אָבער אַזוי איז דער אמת. דאָס התנוצצות וואָס אַ איד באַקומט ווען מ׳זוכט דעם אמת [הוא, ווייל עס] ווערט נתעורר די דיבורים פון די פריערדיגע, פון די צדיקים וקדושים, פון דברי חכמינו ז"ל, פון די אַלע פריערדיגע, דאָס איז מתנוצץ בלב ישראל, דער וואָס ס׳זוכט דעם אמת.

KolSatmar.com